Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

כּיסלו תשע״ב/נאָוועמבער 2011

יאָר 17, נומער 1 (81)

# וואַסערפֿראָנט

## אַ סעזאָן אינעם חורבן־מעמאָריאַל[1] אין פּאַריז

אינעם פּאַריזער חורבן־מעמאָריאַל קען מען ביז מאַרץ 2012 באַקוקן אַן אויסשטעלונג[2] אויף דער טעמע „אייראָפּעיִשער ספּאָרט אין דער נאַצי־תּקופֿה[3]“. אַרום דער אויסשטעלונג איז דאָ אַ גאַנצע פּראָגראַם מיט פֿילמען, באַגעגענישן און רעפֿעראַטן[4] וועגן ייִדישע ספּאָרטקלובן און די אָפּרופֿן[5] פֿון ייִדישע און ניט־ייִדישע ספּאָרטלײַט אויפֿן אַנטיסעמיטיזם.

זיי שווימען, די זיבן אַלטע פֿרויען, זיי שווימען. זיי שווימען אַלע אין איינעם, און יעדע איינע ווייסט וויפֿל הנאה[6] עס האָבן די אַנדערע, שווימענדיק פֿרײַ פֿון וואָג[7] און ווייטיק, ווי אַ מאָל, אינעם ווינער[8] שווימבאַסיין[9] „אַמאַליאַ“. אָט די אַמאָליקע שווים־טשעמפּיאָנקעס זענען זיך צונויפֿגעקומען פֿון אַלע עקן וועלט אַ דאַנק דעם ישׂראלדיקן[10] פֿילם־רעזשיסאָר[11] ירון זילבערמאַן[12] וואָס האָט דורך זיי געוואָלט דערציילן אין זײַן דאָקומענטאַר פֿילם Watermarks[13] – די געשיכטע פֿונעם „הכּוח[14]“. אָט דעם באַרימטן ספּאָרטקלוב האָבן ייִדן געשאַפֿן אין 1909 אין ווין דערפֿאַר וואָס מע האָט פֿאַרווערט[15] ייִדן אָנטייל צו נעמען[16] אין עסטרײַכישע[17] ספּאָרטקלובן. ייִדן האָבן געוואָלט ווײַזן אַז זיי קענען, ניט ערגער ווי די גויים[18], אַנטוויקלען[19] „אַ געזונטן מוח[20] אין אַ געזונט לײַב“. זענען זיי טאַקע[21] געוואָרן אַזוי פֿעיִק[22] אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן שיטן[23] מיט מעדאַלן, צווישן אַנדערע אין שווימען. דער ווינער הכּוח האָט עקזיסטירט ביז דעם „אַנשלוס[24]“. אונדזערע יונגע אַלטע שווימערינס, וואָס האָבן געהערט צום קלוב אין די דרײַסיקער יאָרן, דערציילן ווי זיי האָבן דעמאָלט געהאַט פונקט[25] אַזוי פֿיל חשק[26] צו לאַכן און פֿלירטעווען[27] ווי צו טרענירן אינעם שווימבאַסיין אַמאַליאַ. זיי דערציילן אויך ווי זיי האָבן געפֿילט דעם וואַקסנדיקן דרוק[28] פֿון אַנטיסעמיטיזם בשעת[29] זיי האָבן געלעבט זייער לעבן פֿון יונגע און שיינע מיידלעך אין די פֿאַרמלחמהדיקע[30] יאָרן. ווען די אָלימפּיאַדע פֿון יאָר 1936 איז פֿאָרגעקומען אינעם נאַצישן בערלין, האָבן זיך עטלעכע פֿון די שווימערינס אָפּגעזאָגט[31] אָנטייל צו נעמען. אַנדערע זענען יאָ[32] געפֿאָרן. ווער קען זאָגן וועלכע זענען געווען דרייסטער[33] ? די וואָס זענען ניט געפֿאָרן און האָבן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט[34] אי יאָרן געניטונג אי די פֿרייד פֿון נצחן[35], און זיך ניט גערעכנט מיט דעם צאָרן פֿון די עסטרײַכישע פּאָליטיקער ? צי די וואָס האָבן אויף צו להכעיס[36] מאַרשירט, פּיצלעך[37] גלאַדיאַטאָרן אין קליידעלעך, אין מיטן פֿונעם אָלימפּישן סטאַדיאָן, אַן אָנגעפּאַקטן מיט דם־שׂונים[38] ? צום גליק האָבן די שווימערינס, אַ דאַנק די אָנפֿירערס פֿונעם הכּוח, שפּעטער געקענט אַנטלויפֿן איידער די דײַטשן זענען אָנגעקומען קיין עסטרײַך אין מאַרץ 1938.









אויב איר האָט נישט געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם פֿילם אינעם חורבן־מעמאָריאַל, קענט איר קויפֿן דאָס קאָמפּאַקטל[39] און אויך געניסן פֿון די אַנדערע אונטערנעמונגען[40] אין ראַמען פֿונעם סעזאָן : פֿאַרשיידענע באַגעגענישן און אויסשטעלונגען וועלן געבן אַ פֿאַרכאַפּנדיקן[41] און אומגעוויינטלעכן[42] קוקווינקל[43] אויף אָט דער תּקופֿה און אויף דער ייִדישער געזעלשאַפֿט[44]. אַ סימפּאָזיום „ספּאָרט, קערפּער און טאָטאַליטאַריזם“ וועט דערגאַנצן די פּאַנאָראַמע פֿון די ענדערונגען אין די פֿאָרשטעלונגען פֿונעם מענטש בכלל[45] און פֿונעם ייִדישן מענטש בפֿרט[46].

---

1. khurbn-... Mémorial de la Shoah/Shoah Memorial 2. exposition/exhibition 3. tkufe époque/era 4. conférences/lectures 5. réactions 6. hanoe plaisir/pleasure 7. poids/weight 8. viennois/of Vienna 9. piscine/swimming pool 10. yisro'eldikn israélien/Israeli 11. réalisateur/director 12. Yaron Zilberman 13. *Watermarks*, Israël/France, 2006 14. hakoyekh Hakoah, *littéralt* La Force/*litt*. Strength 15. interdit/prohibited 16. participer/participate 17. autrichiens/Austrian 18. non-Juifs/Gentiles 19. développer/develop 20. moyekh cerveau (*ici* esprit)/mind 21. effectivement/indeed 22. capables/capable 23. *ici* pleuvoir/*here* rain 24. Anschluss (1938) 25. exactement/exactly 26. kheyshek envie/desire 27. flirter/flirt 28. pression/pressure 29. besha's pendant que/while 30. farmilkho'medike d'avant-guerre/prewar 31. refusé/refused 32. *ici* quand même/*here* anyhow 33. plus courageuses/bolder 34. tiré un trait sur/wrote off 35. nitsokhn victoire/victory 36. af tselokhes par défi/for spite 37. minuscules/tiny 38. dam-sonim ennemis implacables/deadly enemies 39. DVD 40. manifestations/activities 41. passionnant/fascinating 42. inhabituel/unusual 43. point de vue/point of view 44. société/society 45. bikhla'l en général/in general 46. bifra't en particulier/in particular.

יוגנטרוף[1] איז אַ ייִדישיסטישע באַוועגונג[2] וואָס איז באַזונדערס אַקטיוו אין אַמעריקע און פֿאַרשפּרייט ייִדיש צווישן יונגע־לײַט. שוין איבער 35 יאָר אַז זיי אָרגאַניזירן יעדן זומער אַ „ייִדיש־וואָך", אויף וועלכער מענטשן קומען פֿון דער גאַנצער וועלט און רעדן, זינגען און שפּילן זיך אויף ייִדיש. צוויי ייִדיש־לערערקעס, חיקע ברוריה וויגאַנד[3] פֿון לאָנדאָן און אַניק פּרים־מאַרגוליס[4] פֿון פּאַריז האָבן הײַיאָר[5] אָנטייל גענומען אי אין דער ייִדיש־וואָך אי אין דעם לערער־סעמינאַר און טיילן זיך[6] מיט זייערע אײַנדרוקן[7].

# „גרינע פֿעלדער, ווײַסע ציגן"[8] ייִדיש־וואָך 2011

פֿון חיקע ברוריה וויגאַנד

„גרינע פֿעלדער, ווײַסע ציגן, רעדן ייִדיש מיט די פֿליגן. יונגע ייִדן, אַלטע ייִדן, גויים[9] זענען אויך צופֿרידן". אָט אַזוי הייבט זיך אָן דער הימען פֿון דער הײַיאָריקער ייִדיש־וואָך, וואָס זײַן רעפֿרען האָט זיך בײַ אונדז אַלעמען ממש[10] געדרייט אין אויער: „ייִדיש־וואָך אַלע יאָר, קומט מיט אונדז צוזאַמען. קומט איר פֿרי, קומט איר שפּעט, זאָלט איר ניט פֿאַרזאַמען[11]". הײַיאָר האָט „יוגנטרוף" אָפּגעהאַלטן די ייִדיש־וואָך אין אַ נײַ אָרט, אין אַ ייִדישן וואַקאַציע־צענטער מיט אַן עקאָלאָגישער פֿאַרם אין רײַסטערסטאַון[12], נאָענט צו באָלטימאָר (מערילענד), וואָס איז טאַקע געווען אַרומגערינגלט מיט גרינע פֿעלדער און ווײַסע ציגן (איינע פֿון זיי האָט געהייסן חלה[13] !).

און אין אָט דער אידילישער סבֿיבֿה[14] האָבן מיר איבערגעלעבט פֿריִער אַן ערד־ציטערניש[15] און דערנאָך אַ הוראַגאַן („די ווילדע אירענע"), וואָס האָט אַ תּל געמאַכט[16] פֿון דער עלעקטריע און פֿאַר אונדז געשאַפֿן אַ מין[17] „חושך־מצרים"[18]. „וואָס וועט זײַן די דריטע מכּה[19] ?" – האָבן מיר זיך געפֿרעגט – „זשאַבעס[20] ?".

נאָר ניט געקוקט[21] אויף די אַלע אַוואַנטורעס, איז די שטימונג[22] צווישן די אַן ערך[23] 150 ייִדישיסטן געווען זייער אַ געהויבענע. מיר האָבן גוט פֿאַרברענגט אויף אונדזערע לייען־קרײַזן און וואַרשטאַטן[24], לאַגער־פֿײַערן[25] מיט זינגערײַען, אַ פּאָעזיע־אָוונט, אַ טאַלאַנטאַרניע[26], שוין

[סוף זײַט 8]

1. Yugntruf - Youth for Yiddish 2. mouvement/movement 3. KHAYKE-BRURYE Wiegand 4. Annick Prime-Margules 5. cette année/this year 6. partagent/share 7. impressions 8. chèvres/goats 9. GOYIM non-Juifs/Gentiles 10. MAMESH littéralement/literally 11. ne ratez pas/don't miss 12. Reisterstown 13. KHALE brioche de Shabbat/hallah 14. SVIVE milieu/surroundings 15. tremblement de terre/earthquake 16. TEL ... détruit/destroyed 17. MIN sorte/sort 18. KHOYSHEKH-MITSRAIM obscurité impénétrable, *littéralt* "d'Égypte"/Egyptian darkness (one of the plagues) 19. MAKE plaie/plague 20. grenouilles/frogs 21. malgré/in spite of 22. ambiance/atmosphere 23. ... EREKh environ/about 24. ateliers/workshops 25. feux de joie/campfires 26. cabaret de nouveaux talents/talent show

# נאַטור און טעכנאָלאָגיע

פֿון אַניק פּרים־מאַרגוליס




הײַנטיקס יאָר[1] איז ווידער פֿאָרגעקומען אַ לערער־סעמינאַר אין איינעם מיט דער ייִדיש־וואָך אין אַמעריקע. נישט נייטיק פֿאָרצושטעלן די ייִדיש־וואָך, וואָס איז שוין גענוג באַקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט. לאָמיר נאָר זאָגן אַז דער לערער־סעמינאַר איז געווען גאָר אַן אינטערעסאַנטער, מיט מוטיקע[2] און פֿעיִקע[3] לערער פֿול מיט גוטע לערערײַ־געדאַנקען. איך וואָלט געוואָלט בעסער שרײַבן וועגן עפּעס וואָס איז מיר געבליבן אַ חידוש[4] ביז הײַנט צו טאָג – די לופֿטקילונג[5] !

מע דאַרף זיך פֿאָרשטעלן קודם־כּל[6] דאָס אָרט ווו די ייִדיש־וואָך און דער לערער־סעמינאַר זײַנען פֿאָרגעקומען : פּערלשטיין צענטער[7], זייער אַ שיין אָרט אויפֿן דאָרף[8], נישט ווײַט פֿון באָלטימאָר. אין דעם אַרום – אַן אָזערע[9], ביימער און אַפֿילו[10] אַ וועלדל. און דער צענטער אַליין איז גאָר אַ שיינער מיט הילצערנע הײַזער וואָס שטייען אין אַ מין האַלבקרײַז און אַ פּאָר אַנדערע דאַטשעס[11], צעזייט[12] אינעם נאָענטן וועלדל. בקיצור[13] – אַ מין[14] גן־עדנדל[15]... נו ? איז צו וואָס דאַרף מען דערצו עפּעס אַ לופֿטקילונג ? די לופֿט איז דאָך אין דרויסן, מע וואָלט געקענט סתּם[16] עפֿענען די פֿענצטער ! אַ קשיא אויף אַ מעשׂה[17]...

אָבער גאָרנישט איז צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק[18] ווי מע וואָלט געמיינט. טרעפֿט וואָס, אַ הוראַגאַן האָט אויסגעבראָכן... אויס[19] עלעקטריע, אויס לופֿטקילונג. אַפֿילו מיט אַ גענעראַטאָר האָט מען נישט געהאַט גענוג ענערגיע. אָך און ווײ[20] ! און אַזוי זײַנען מיר געבליבן אַרבעטן, נעבעך[21], אינעווייניק אין דער היץ, זיך געדושעט[22] און געשוויצט.

1. cette année/this year 2. pleins d'entrain/courageous 3. capables/capable 4. ... KHIDESH qui me surprend/is surprising 5. climatisation/air conditioning 6. KOYDEM-KOL tout d'abord/first of all 7. Pearlstone Center 8. à la campagne/in the country 9. lac/lake 10. AFILE même/even 11. maisons de villégiature/country houses 12. éparpillés/scattered 13. BEKITSER bref/in short 14. MIN sorte/sort 15. GAN-E'YDNDL petit paradis/little Eden 16. STAM simplement/simply 17. A KASHE AF A MAYSE mystère !/who can say? 18. s'est bien passé/went smoothly 19. plus de/no more 20. malheur de malheur!/alas! 21. pauvre de nous/poor things! 22. on étouffait/suffocated.

# הונדערט פּראָצענט ביִאָלאָגיש[1] און דווקא[2] אויף ייִדיש : דער „ייִדיש־פֿאַרם פּראָיעקט“



ניין,
דאָ
וועט מען נישט
רעדן פֿון די אַמאָליקע
לאַנדווירטשאַפֿטלעכע[3] קאָלאָניעס אָדער
טעריטאָריאַליסטישע עקספּערימענטן וואָס ייִדן האָבן
וועגן זיי געחלומט[4] און זיי טייל מאָל דורכגעפֿירט אין אייראָפּע, אַרגענטינע צי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין 19טן און 20סטן יאָרהונדערט. מע וועט דאָ רעדן וועגן גאָר אַ נײַער איניציאַטיוו, דעם „ייִדיש־פֿאַרם פּראָיעקט“, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעצעמבער 2010. זײַנע גרינדערס[5] זײַנען יונגע־לײַט וואָס האָבן זיך באַגעגנט אין יוגנטרוף[6] (אַ ייִדישיסטישע באַוועגונג פֿאַר יוגנט).
וואָס איז דאָס אַזוינס, אַ ייִדיש־פֿאַרם ? דאָס איז אַ פֿאַרם אין וועלכער מענטשן (דערווײַל אַ צענדליק[7]) לערנען זיך קולטיווירן ביִאָלאָגישע גרינסן[8] אויף ייִדיש. דאָס הייסט אַז די „פּויערים[9]“ רעדן צווישן זיך וועגן אַלע זייערע פּויערישע צרות[10] און פֿריידן נאָר אויף ייִדיש.
ווײַל דער ציל פֿון דער ייִדיש־פֿאַרם איז ניט נאָר צו קולטיווירן געזונטע, עקאָלאָגישע גרינסן נאָר אויך אויסצוהאָדעווען[11] אַ גאַנצע סבֿיבֿה[12] וואָס זאָל זיך באַקענען מיט דער ייִדישער קולטור, שפּראַך, טעאַטער, ווי אויך קאָכן אָדער וועבן[13]. אין אַן אינטערוויו פֿאַרן ענגלישן *פֿאָרווערטס*[14] האָבן צוויי אָנפֿירער פֿונעם פּראָיעקט, נפֿתּלי איידלמאַן[15] און ישׂראל באַס[16], דערמאָנט אַז ייִדיש־פֿאַרמס האָבן שוין עקסיסטירט זינט 1934 אין צפֿון[17]־ און דרום[18]־אַמעריקע ביז די 50 יאָרן. די געזעלשאַפֿט פֿרײַלאַנד־ליגע (וואָס איז שפּעטער געוואָרן ייִדיש־ליגע[19]) האָט דעמאָלט געהאָלפֿן די ייִדישע אימיגראַנטן און האָט אײַנגעאָרדנט[20] אַזעלכע פֿאַרמס, זיי זאָלן זיך דאָרטן אויסלערנען ערדאַרבעט[21]. דעם קומענדיקן זומער וועט די ייִדיש־פֿאַרם (וואָס געפֿינט זיך הײַיאָר לעבן באָלטימאָר) זיך באַזעצן אין שטאַט[22] ניו־יאָרק. די וואָס ווילן זיך באַטייליקן אינעם פּראָגראַם דאַרפֿן רעדן ייִדיש. די פּראָדוקציע איז נאָך גאָר אַ קליינע, נאָר שפּעטער ווילן די אָנפֿירער זי אַנטוויקלען[23] צו קענען פֿאַרקויפֿן גרינסן די ייִדישע קהילות[24] אָדער אויף עקאָלאָגישע מערק[25]. אויב איר ווילט דאָס זען מיט די אייגענע אויגן, זוכט אויף אינטערנעץ דעם דאָזיקן אַדרעס http://www.yiddishfarm.org. אינעם צווייִשפּראַכיקן וועבאָרט[26] (ייִדיש און ענגליש) וועט איר קענען לייענען אַרטיקלען און אויך זען פֿילמירטע דאָקומענטן. מע קען דאָרטן זען אַז טייל מענער טראָגן אַ יאַרמלקע[27], און מע מעג מיט אַ שמייכל זיך דערמאָנען אינעם בילד וואָס שלום־עליכם[28] גיט פֿון זײַן העלד מנחם־מענדל[29] וואָס האָט אויך אַ מאָל געחלומט פֿון ערדאַרבעט : „די ענגלענדער האָבן דערקלערט[30] אַ מאַשינע אויף צו באַאַרבעטן ערד, וועסטו הערן וואָס די מאַשינע טוט : מ׳דאַרף צו איר ניט קיין פֿערד, ניט קיין אָקסן, ניט קיין מענטשן. דאָס הייסט, איין מענטש בלויז זעצט זיך אויף איר אַוועק, טוט אַ דריי אַ רעדל, גייט אַוועק די מאַשינע און אַקערט[31] דיר אויס צוויי הונדערט דעסעטינעס[32] ערד אין איין שמע־ישׂראל[33] ! [...] איך זיץ מיר אויף דער מאַשינע, קוק אַרײַן אין אַ ספֿר[34], אָדער איך דאַוון[35] מיר, אָדער איך זאָג מיר אַ קאַפּיטל תּהילים[36] און זי אַרבעט שוין פֿאַר מיר אַלצדינג וואָס איך באַדאַרף“.
טאָמער[37] ווילט איר אויך שמועסן אין ייִדיש וועגן די פֿאַרגעניגנס פֿון ערדאַרבעט, פֿאַרגעסט ניט מיטצונעמען מרדכי שעכטערס[38] ווערטערבוך די *געוויקסן־וועלט אין ייִדיש*[39].
עס קומט אַ מזל־טובֿ[40] אַזאַ שיינער אונטערנעמונג[41] ! אפֿשר[42] וועלן ייִדיש און ביִאָלאָגיש עסנוואַרג[43] האָבן דעם זעלבן גורל[44] : געדענקט, אַ מאָל האָט מען באַטראַכט[45] די ליבהאָבערס פֿון עקאָלאָגיע ווי ריינע משוגעים[46]...



1. biologique/organic 2. DAFKE justement/precisely 3. agricoles/agricultural 4. GEKHOLEMT rêvaient/dreamed 5. fondateurs/founders 6. Yugntruf - Youth for Yiddish 7. dizaine/about ten 8. légumes/vegetables 9. paysans/peasants 10. TSORES soucis/worries 11. élever/raise 12. SVIVE milieu 13. tissage/weaving 14. *Jewish Forward* 15. NAFTOLE Naftali Ejdlman 16. YISROEL Isroel Bass 17. TSOFN du Nord/north 18. DOREM du Sud/south 19. Yiddish League 20. établi/set up 21. agriculture 22. État (fédéral)/state 23. développer/develop 24. KEHILES communautés/communities 25. marchés/markets, *plur. de/of* מאַרק 26. site web/website 27. kippa, calotte/skullcap 28. SHOLEM-ALEYKHEM 29. Menakhem-Mendl, héros d'un roman de Sholem-Aleykhem/hero of a Sholem-Aleykhem novel 30. *ici* inventé/*here* invented 31. laboure/plows 32. mesure agraire russe (env. 1 ha)/Russian land measure (over 2 acres) 33. ... SHMA-YISRO'EL en moins de rien/in no time at all 34. SEYFER livre saint/holy book 35. prie/pray 36. ... THILIM un psaume/a psalm 37. au cas où/in case 38. MORDKHE Mordkhe Schaechter 39. *Plant Names in Yiddish* 40. MAZL-TOV félicitations/congratulations 41. entreprise/undertaking 42. EFSHER peut-être/perhaps 43. nourriture/food 44. GOYRL destin/fate 45. considéré/considered 46. MESHUGOIM fous/crazy.

# אויב איר ווילט אַ מאָל שרײַבן אַ בריוו...

פֿון עוויטאַ וויעצקי



שרײַבן בריוו איז אַרויס פֿון דער מאָדע, הײַנט צו טאָג שיקט מען זיך בליצבריוו[1] אָדער גאָר קירצערע מעלדונגען[2] דורך דעם קעשענע־פֿאָן[3]. אָבער, אויב אַ מאָל קומט יאָ אָן אין אונדזער פּאָסטקעסטל אַן אמתער[4] בריוו פֿון איינעם אַ חבֿר[5], דערפֿרייט ער אונדז זייער. מיט הונדערט יאָר צוריק איז דאָס דורכשרײַבן זיך געווען אַ געוויינטלעכע און טאָגטעגלעכע זאַך, אָבער אויף ייִדיש ניט קיין פּשוטע[6]. ווער פֿון אונדז געדענקט ניט די קאָמפּליצירטע און לאַנגע באַגריסונגען אין די בריוו פֿון שלום־עליכמס[7] מנחם־מענדל[8] צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע[9]:

*„לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחיה[10] עכּב״ב[11]“*

(צו מײַן טײַער ווײַב, די באַשיידענע[12], די קלוגע, פֿרוי שיינע־שיינדל, לעבן זאָל זי מיט איר גאַנצער משפּחה[13]).

כּדי[14] צו העלפֿן מענטשן שרײַבן בריוו אויף ייִדיש, האָט מען פֿון 19טן יאָרהונדערט אָן פּובליקירט זאַמלונגען מיט מוסטערן[15] פֿון בריוו וואָס מע האָט אָנגערופֿן „בריוון־שטעלער“. מע האָט דאָרטן געקענט געפֿינען בריוו אויף יעדער געלעגנהייט[16]: אַ חתן[17] שרײַבט דאָס ערשטע מאָל צו דער כּלה[18]; אַ טאָכטער אין שטאָט – צו די טאַטע־מאַמע אין שטעטל, אַ סוחר[19] פֿון וואַרשע – צו אַ קונה[20] אין לאָדזש... די שפּראַך פֿון די דאָזיקע בריוון־שטעלער איז זייער אַ דײַטשמערישע[21], ווײַל אין יענע צײַטן האָט מען געהאַלטן





דײַטש פֿאַר אַן עלעגאַנטן און ערנסטן לשון[22]. אין 1908 האָט מאַגנוס קרינסקי (1916-1863), אַ באַוווּסטער וואַרשעווער פּעדאַגאָג, זשורנאַליסט און מחבר[23] פֿון אַ העברעיִש און אַ ייִדיש לערנביכל, אַרויסגעגעבן די פֿערטע אויפֿלאַגע[24] פֿון זײַן ייִדיש־לערער מיט אַ „מאָדערנעם“ בריוון־שטעלער. קרינסקי וויל, די שילער זאָלן קענען שרײַבן אַ שיינעם, גוטן ייִדישן בריוו „אָן מי און אָן קאָפּ־דרייעניש[25]“.

אפֿשר[26] וויל עמעצער פֿון אײַך, טײַערע לייענער, אָנהייבן שרײַבן בריוו אויף ייִדיש, וועלן אים קרינסקיס עצות[27] פֿון 1908 זיכער קומען צו הילף:

*„– [...] יעדער געדאַנק מוז קלאָר און דײַטלעך[28] מיט פּאַסיקע ווערטער אויסגעדריקט[29] ווערן. [...] מען דאַרף געדענקען, אַז בײַם רעדן מאַכן פֿיל מאָל קלאָר דעם געדאַנק נישט אַזוי די ווערטער, ווי די אינטאָנאַציע אָדער די מימיק [...]*

*– די געדאַנקען מוזן זייער קורץ אויסגעדריקט ווערן, נישט געפּלוידערט[30] און נישט איבערגעקײַט[31] עטלעכע מאָל איין זאַך [...] ביז עס וועט אים [דעם אַדרעסאַט] נימאס ווערן[32] צו לעזן[33]. די הויפּטקונסט אין שרײַבן באַשטייט[34]: „מיט ווייניק ווערטער פֿיל און גוט זאָגן“.*

*– די שפּראַך פֿון בריוו מוז זײַן נישט צו הויך מיט מליצות[35], אָבער אויך נישט צו אָרדינער, נישט צו פֿיל גאַסנשפּראַך [...].*

[סוף זײַט 5]

## ניצלעכע אויסדרוקן[1] בײַם שרײַבן בריוו

### באַגריסונגען[2]

- חשובֿער ה׳[3] גאָלדבערג/חשובֿע פֿר׳[4] גאָלדבערג
- חשובֿער רעדאַקטאָר
- ליבע מאַמע
- טײַערער חבֿר[5]/טײַערע חבֿרטע[6]

### שלוסווערטער[7]

- מיט דרך־ארץ[8]
- מיט פֿרײַנדלעכע גרוסן[9]
- מיט גאָר האַרציקע גרוסן[10]
- אַל דאָס בעסטע
- אַ קוש[11]

1. expressions utiles/useful expressions 2. salutations 3. KHO'SHEVER הער honorable Monsieur (*formule la plus fréquente ; suivie du nom de famille*)/Honored Sir 4. KHO'SHEVE פֿרוי honorable Madame (*formule la plus fréquente ; suivie du nom de famille*)/Honored Madam *(usual forms of address, both used with family name)* 5. KHAVER ami/friend 6. KHA'VERTE amie/friend (*fem.*) 7. formules de conclusion/closings 8. ... DEREKH-ERETS veuillez agréer, Monsieur/Madame, mes salutations distinguées/respectfully 9. avec mes salutations les meilleures/best regards 10. très cordialement/fondest regards 11. bises/with a kiss.

1. e-mail 2. messages 3. téléphone portable/cell phone 4. E'MESER vrai/real 5. KHAVER ami/friend 6. PO'SHETE simple 7. SHOLEM-ALEYKHEMS 8. MENAKHEM-MENDL 9. KASRI'LEVKE ville fictive de Sholem-Aleykhem/ficticious town of Sholem Aleykhem 10. LEZUGOSI HAYEKORE HATSNUE HAKHAKHOME MORAS Sheyne-Sheyndl SHETEKHYE à ma chère, chaste et sage épouse, madame Sheyne-Sheyndl, puisse-t-elle vivre longtemps/to my dear wife, the chaste and wise, Madam Sheyne-Sheyndl, long may she live 11. עם כּל בני־ביתה IM KOL BNEY BEYSO avec toute sa maisonnée/with all the household 12. pudique, chaste/modest, chaste 13. MISHPOKHE famille/family 14. KEDE'Y afin de/in order to 15. modèles/samples 16. circonstance/circumstance 17. KHOSN fiancé 18. KALE fiancée 19. SOYKHER marchand/merchant 20. KOYNE client/customer 21. truffé de germanismes/full of Germanisms 22. LOSHN langue/language 23. MEKHABER auteur/author 24. édition 25. sans peine et sans casse-tête/without toil or trouble 26. EFSHER peut-être/maybe 27. EYTSES conseils/advice 28. nettement/distinctly 29. exprimé/expressed 30. sans bavardages/long-winded 31. rabâché/repeated 32. NIMES... lasser/become tiresome 33. לייענען 34. consiste/consists 35. MELITSES fioritures/florid language

# בריוו־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| lettre/letter | דער בריוו (–) |
| lettre commerciale/business letter | דער געשעפֿטבריוו (–) |
| lettre d'amour/love letter | דער ליבעבריוו (–) |
| carte postale/postcard | דאָס פּאָ׳סטקאַרטל (עך) |
| papier à lettres/stationery | דאָס ברי׳וופּאַפּי׳ר |
| enveloppe/envelope | דער קאָנווע׳רט (ן) |
| timbre/stamp | די פּאָ׳סטמאַרקע (ס) |
| adresse/address | דער אַדרע׳ס (ן) |
| expéditeur/sender | דער אַדרעסאַ׳נט (ן) |
| destinataire/addressee | דער אַדרעסאַ׳ט (ן) |
| répertoire/address book | דאָס אַדרעסן־בוך (־ביכער) |
| (bureau de) poste/post (office) | די פּאָסט/די פּאָטשט |
| facteur/postman | דער ברי׳וון־טרעגער (ס/–) |
| boîte à lettres/mailbox | דער ברי׳ווקאַסטן (ס) |
| écrire/write | שרײַבן/אָנשרײַבן |
| envoyer, poster/send | שיקן |
| signer/sign | או׳נטערשרײַבן/חתמענען [KhA'SMENEN] |
| signature | די או׳נטערשריפֿט/די חתימה [KhSIME] |
| P.S./post-scriptum | ע״ש/עיקר שכחתי [IKER-ShOKhAKhTI] |
| télégramme/telegram | די דעפּעש (ן), די טעלעגראַמע (ס) |
| courriel/e-mail | די בליצפּאָסט |
| message | די מעלדונג (ען) |







– מען מוז מיט דעם שרײַבן זייער פֿאָרזיכטיק זײַן, ווײַל דאָס געשריבענע בלײַבט אויף אייביק, און עס קאָן דינען ווי עדות[36], פֿון וועלכע מען קאָן זיך נישט אָפּזאָגן[37].

– דער בריוו מוז העפֿלעך[38] און אָנשטענדיק[39] געשריבן ווערן, ווײַל נאָר אויף אַזאַ אופֿן[40] קאָן דער בריוו דעם ריכטיקן אײַנדרוק מאַכן [...].

– בריוו דאַרפֿן געשריבן ווערן מיט אַ גוטער פֿעדער און שוואַרצער טינט [...] אויף אַ ווײַס פּאַפּיר מיט איינפֿאַכע[41], ניט קיין פֿאַרדרייטע אָדער פֿאַרצוקטע בוכשטאַבן[42]. די בוכשטאַבן אין איין וואָרט דאַרפֿן זײַן זייער נאָענט איינער צו דעם אַנדערן, אָבער יעדעס וואָרט מוז זײַן אָפּגערוקט, כּדי עס זאָל זײַן לײַכט צו לעזן.

– אין אָנפֿאַנג בריוו, גאָר אויף דער אייבערשטער שורה[43] רעכטס מוז זײַן געשריבן דער נאָמען פֿון דער שטאָט, די דאַטע, מאָנאַט און יאָר, אין וועלכע דער בריוו איז געשריבן [...]. בײַם ענדע בריוו קומט אויף אַ באַזונדער שורה לינקס די אונטערשריפֿט[44], וועלכע דאַרף אויך אומבאַדינגט זײַן גאַנץ גוט לעזבאַר[45] און נישט פֿאַרצוקט, ווי דאָס רובֿ[46] ייִדישע יונגע־לײַט זענען זיך נוהג[47] קונציק צו פֿאַרדריידלען די אונטערשריפֿט, אַזוי אַז דער מלאך גבֿריאל[48] אַליין זאָל זי שוין נישט איבערלעזן, און פֿיל מאָל קומט פֿאָר, אַז מען ווייס ניט ווער עס האָט דעם בריוו געשריבן.

– דעם הויפּטגעדאַנק, וועלכן מען וויל יענעם מעלדן, אָדער בעטן, דאַרף מען זיך סטאַרען[49] שטענדיק אויסדריקן אין בריוו ווי מעגלעך פֿריִער, נישט איבערלאָזן עס צום סוף[50], כּדי דער אַדרעסאַט זאָל באַלד וויסן, וועגן וואָס עס אונטערהאַנדלט זיך[51] דאָ [...]. מען זאָל אָבער ניט אָנהייבן דעם בריוו מיט פֿירוואָרפֿן[52], מוסר[53] אָדער לצנות[54] [...].

– אין אַלגעמיינעם דאַרף דער בריוו זײַן זייער קורץ, העכסטנס קאָן ער האַלטן אַ זײַט אָדער צוויי [...]. לאַנגע בריוו מאַכן אַ שלעכטן אײַנדרוק אויפֿן לעזער און האָבן ניט די ריכטיקע ווירקונג[55].

– אַ תּשובֿה[56] אויף אַ בריוו דאַרף מען זיך ווי ווײַט מעגלעך באַמיִען צו געבן דעם זעלבן טאָג [...] ; דאַן פֿאַרשפּאָרט[57] מען זוכן אַ פֿאַרענטפֿערונג[58], פֿאַר וואָס מען האָט פֿאַרשפּעטיקט מיט דער תּשובֿה [...]."

**און איצט, טײַערע לייענערס, וואַרטן מיר אויף אײַערע בריוו פֿון דער גאָרער וועלט...**

36. ... EYDES servir de preuve/be used as proof 37. nier/deny 38. poliment/politely 39. avec correction/decently 40. OYFN manière/way 41. simples/simple 42. lettres ornées/ornate letters 43. ShURE ligne/line 44. signature 45. (*germ.*) lisible/ *Germ.* legible, לייענעוודיק 46. ... ROV la plupart/most 47. ... NOYEG ont l'habitude/are in the habit of 48. MALEKh GAVRIEL l'ange Gabriel/angel Gabriel 49. s'efforcer/ make an effort 50. SOF fin/end 51. de quoi il s'agit/what it's about 52. reproches/reproaches 53. MUSER sermon/moralizing 54. LETSONES moquerie/mockery 55. effet/effect 56. TShUVE réponse/response 57. on s'épargne/avoid 58. justification.

# אַרײַן, אַרויס, אַריבער, און נאָך אַזעלכע...



ווי עס ווייסן שוין אונדזערע געטרײַע[1] לייענערס, האָט אונדזער פּאַריזער־ייִדיש־צענטער זיך **אַריבערגעצויגן**[2] אין אַ נײַעם לאָקאַל. מיר האָבן זיך **אַרויסגעצויגן**[3] פֿון פּאַסאַזש סען־פּיער־אַמעלאָ[4] און זיך **אַרײַנגעצויגן**[5] אויף רי שאַטאָ־ד׳אָ[6] – אַ נאָמען וואָס זעט אויס גאָר מאָדנע אין ייִדיש און וואָס מיר האָבן בעסער ליב צו רופֿן וואַסערשלאָס־גאַס.

די מעבל האָט מען **אַרויסגעפֿירט**[7], **אַריבערגעפֿירט** און **אַרײַנגעפֿירט** אינעם נײַעם בנין[8].

די ביכער פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק האָט מען **אַראָפּגענומען** פֿון די פּאָליצעס[9], **אײַנגעפּאַקט**[10] אין קאַרטאָנען, **אַרויפֿגעטראָגן** די קאַרטאָנען פֿונעם אונטערגאָרן[11] און זיי **אַרײַנגעשטעלט** אין וואָגנס און קאַמיאָנען. מען האָט אַלץ **אַריבערגעפֿירט** אויפֿן נײַעם אַדרעס, **אַרויסגעשלעפּט** די קאַרטאָנען פֿון די וואָגנס, **אַראָפּגעטראָגן** צו די נײַע פּאָליצעס אין אונטערגאָרן. צום סוף[12] האָט מען **אויסגעפּאַקט** די ביכער פֿון די קאַרטאָנען און זיי **אויסגעשטעלט**[13] אויף די פּאָליצעס.

די אַלע ווערטער זענען אַ גוטע אילוסטראַציע פֿון ווי אַזוי מען דריקט זיך אויס[14] מיט קאָנווערבן, דער עיקר[15] מיט אַלע ווערבן פֿון באַוועגונג[16] – **באַוועגן** זאַכן אָדער **באַוועגן זיך** אַליין פֿון אָרט צו אָרט.

ווען מענטשן בײַטן דאָס לאַנד וווּ זיי וווינען, זענען דאָ פֿאַרשיידענע אַנדערע ווערטער. דאָס וואָרט וואָס מע האָט צום מערסטן[17] גענוצט פֿאַר אַזעלכע פֿאַלן איז **וואַנדערן**, וואָס מיינט ניט נאָר אַרומדרייען זיך גלאַט אין דער וועלט אַרײַן[18] נאָר אויך אַן אמתע[19] מיגראַציע (די אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער **מיגרירן**, **עמיגרירן** און **אימיגרירן** האָט מען אָנגענומען שפּעטער).

אַזוי אַרום איז אַן **אויסוואַנדערונג** דאָס זעלבע ווי אַן עמיגראַציע, אַן **אײַנוואַנדערער** דאָס זעלבע ווי אַן אימיגראַנט און **אַרומוואַנדערן** מיינט מיגרירן.

אַ חוץ[20] די דאָזיקע ווערבן קען מען אויך ניצן **אַרײַן־**, **אַרויס־**, און **אַריבער־** מיט **־גיין**, **־פֿאָרן**, **־טראָגן**, **־שלעפּן**, **־פּעקלען**, **־קלײַבן**, **־קריכן**, **־שמוגלען** און ווער ווייס וויפֿל נאָך, יעדער איינער מיט זײַן ניואַנס...

די גרויסע כוואַליע[21] פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע האָט שטאַרק געענדערט די שפּראַך. פֿאַרשיידענע ווערטער זײַנען אַרויסגעפֿאַלן און אַ סך אַמעריקאַניזמען זײַנען אַרײַן. איינס פֿון זיי איז דאָס קליינע וואָרט „מופֿן[22]“, איבערגענומען דירעקט פֿון ענגליש. צוזאַמען מיט אַנדערע נײַ־אָנגענומענע טערמינען האָט דאָס דערלויבט צו פֿאַרטרעטן[23] אַזאַ לאַנגן זאַץ ווי : „די אַרויפֿגעאַרבעטע[24] ייִדן האָבן זיך איבערגעצויגן פֿון דער אָרעמער דרומדיקער[25] טייל פֿון דער שטאָט אין די רײַכערע צפֿונדיקע[26] קוואַרטאַלן[27]“ מיט : „די אָלרײַטניקעס האָבן געמופֿט פֿון דאַונטאַון אָפּטאַון“[28].

[סוף זײַט 8]



1. fidèles/faithful 2. déménagé/moved 3. déménagé (sorti)/moved out 4. passage Saint-Pierre-Amelot 5. emménagé/moved in 6. rue du Château-d’Eau 7. enlevé (en voiture)/transported (by a vehicle) 8. BINYEN immeuble/building 9. étagères/shelves 10. emballé/packed 11. sous-sol/basement 12. ... SOF finalement/finally 13. disposé/placed 14. on s’exprime/express oneself 15. ... IKER surtout/mainly 16. déplacement/movement 17. principalement/mostly 18. sans but défini/aimlessly 19. E'MESE véritable/real 20. AKHU'TS à part/in addition to 21. vague/wave 22. déménager, de l’anglais “to move” 23. remplacer/replace 24. qui ont réussi/who have worked their way up 25. DO'REMDIKER du Sud/southern 26. TSO'FNDIKE du Nord/northern 27. quartiers/districts 28. de l’anglais : “all right”, “downtown”, “uptown”

# אַ נײַ בוך וועגן ייִדישער ווילנע[1]

אויף אַזאַ בוך האָבן שוין לאַנג געוואַרט ליטוואַקעס[2] פֿון דער גאַנצער וועלט און אַלע ליבהאָבער פֿון דער שטאָט ווילנע : מיט אַ פּאָר חדשים[3] צוריק איז דערשינען אין ליטע דער וועגווײַזער[4] *ווילנע : אויף די שפּורן פֿון ירושלים דליטא*[5], אָנגעשריבן פֿון גענריך אַגראַנאָווסקי און ירינאַ גוזענבערג. אמת[6], דער טעקסט איז אויף רוסיש, וואָס ניט אַלע קענען לייענען, נאָר מע קען עס שוין ניצן ווי אַ וועגווײַזער אַ דאַנק די פֿילצאָליקע[7] מאַפּעס[8], בילדער, אַרכיוואַלע און הײַנטצײַטיקע פֿאָטאָגראַפֿיעס, ווי אויך דעם אינדעקס פֿון נעמען פֿון די גאַסן פֿון פֿאַרשיידענע תּקופֿות[9] אויף רוסיש, פּויליש און ליטוויש. און די איבערזעצונג אויף ענגליש דאַרף אויך באַלד דערשײַנען.







ביידע מחברים[10] האָבן דורכגעפֿירט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. זיי האָבן צונויפֿגעזאַמלט און שטודירט אַ גרויסע צאָל ביכער און אַרטיקלען וועגן ווילנע אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן און זענען אָפּגעזעסן שעהען־לאַנג[11] אין אַרכיוון און ביבליאָטעקן. זיי האָבן אויך אויסגעפֿונען און אויסגעפֿרעגט מענטשן וואָס האָבן געלעבט אין דער שטאָט אין פֿאַרשיידענע צײַטן, ווי פֿאַניע בראַנצאָווסקי, אַ געבוירענע אין ווילנע, וואָס איז ווי אַ יונגע פֿרוי געווען אין געטאָ, דערנאָך געקעמפֿט אין די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, און וואָס איז הײַנט די ביבליאָטעקאַרשע פֿונעם ווילנער ייִדישן אינסטיטוט.

פֿון די אַלע שטודיעס און באַגעגענישן איז אויסגעוואַקסן אַ פֿאַרכאַפּנדיק[12], לעבעדיק בוך וואָס נעמט אַרום ניט נאָר ניצלעכע אָנווײַזונגען[13] פֿאַר טוריסטן און וויכטיקע אינפֿאָרמאַציעס פֿאַר פֿאָרשער[14], נאָר אויך געשיכטעס גענומענע פֿונעם לעבן, וואָס מע קען לייענען ווי אַ ראָמאַן. איינע פֿון זיי איז די אומגלייבלעכע, נאָר אמתע מעשׂה[15] פֿון אַן אָפּגעפֿונענעם מעדאַל. דאָס איז אַ מעדאַל פֿון דער ספּאָרטסעקציע פֿון ווילנער געטאָ פֿון 1943 (יאָ, יאָ, אין ווילנער געטאָ האָט מען געהאַט ניט נאָר אַ ביבליאָטעק און אַ טעאַטער, ניט נאָר אויסשטעלונגען[16] און לעקציעס פֿאַר קינדער, נאָר אויך אַ ספּאָרטקלוב !). די אויסצייכענונג[17] איז געווען פֿאַרן אַכצן־יעריקן בחור[18] נאָרמאַן שנײַדמאַן, וואָס האָט געוווּנען עטלעכע באָקסגעשלעגן[19] אין אַ טורניר[20]. דעם דאָזיקן מעדאַל האָט אַ מענטש צופֿעליק געפֿונען – ניט אין ווילנע באַלד נאָך דער מלחמה[21], נאָר אַן 80 קילאָמעטער ווײַטער אין 2006. דאָס איז דער ערשטער נס[22]. דער צווייטער נס איז אַז זײַן באַזיצער[23], נאָרמאַן שנײַדמאַן, איז לעבן געבליבן. דער דריטער נס איז אַז מע האָט אים אָפּגעפֿונען, כאָטש ער וווינט הײַנט אין קאַנאַדע, און ער האָט געקענט צוריקקריגן זײַן מעדאַל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, צוזאַמען מיט זײַן גאַנצן האָב און גוטס[24] אין ווילנע אין יאָר 1943...

דעם וועגווײַזער האָט אַרויסגעגעבן דער מוזיי פֿונעם ווילנער גאון[25], וואָס איז געגרינדט געוואָרן אין יאָר 1989 און וואָס אָרגאַניזירט רעגולער אויסשטעלונגען וועגן דעם ייִדישן לעבן. דער מוזיי איז אַ בײַשפּיל פֿון דער דינאַמישקייט און פֿילזײַטיקייט[26] פֿון דער אַרבעט אַרום דער ייִדישער קולטור און געשיכטע אין הײַנטיקער ליטע. עס באַשטייט פֿון פֿינף אינסטיטוציעס : דער הויפּט־בנין[27], וואָס געפֿינט זיך לעבן דער ווילנער ייִדישער קהילה[28], דער טאָלעראַנץ־צענטער, דער חורבן[29]־מוזיי, דער מעמאָריאַל אויף פּאָנאַר[30] און דער מוזיי פֿונעם סקולפּטאָר זשאַק ליפּשיץ אין זײַן געבוירן־שטעטל דרוסקעניק.

אויב איר ווילט, קענט איר אַ קוק טאָן אויפֿן פּרעכטקין וועגווײַזער אין דער מעדעם־ביבליאָטעק אין פּאַריז.





**דער אָפּגעפֿונענער מעדאַל פֿון ווילנער געטאָ (1943)**

1. Vilna/Vilnius (Lituanie/Lithuania) 2. Juifs de Lituanie/Jews from Lithuania 3. KHADOSHIM mois/months, *sing.* חודש KHOYDESH 4. guide 5. ... YERUSHOLAIM DELITE *Sur les traces de la Jérusalem de Lituanie/In the Traces of Jerusalem of Lithuania* 6. EMES c'est vrai/it's true 7. nombreux/numerous 8. cartes/maps 9. TKUFES époques/periods 10. MEKHABRIM auteurs/authors 11. SHOEN-... des heures durant/for hours 12. passionnant/fascinating 13. indications utiles/useful indications 14. chercheurs/researchers 15. E'MESE MAYSE histoire vraie/true story 16. expositions/exhibitions 17. distinction 18. BOKHER jeune homme/young man 19. combats de boxe/boxing matches 20. tournoi/tournament 21. MILKHOME guerre/war 22. NES miracle 23. propriétaire/owner 24. biens/belongings 25. GOEN grand érudit ; *ici* le Gaon de Vilna, Eliyah ben Shlomo Zalman (1720-1797)/genius, *here* Vilna Gaon, Eliyah ben Shlomo Zalman (1720-1797) 26. diversité/diversity 27. BINYEN bâtiment/building 28. KEHILE communauté/community 29. KHURBN Shoah 30. Ponar/Ponary/Paneriai, lieu d'exécutions de masse des Juifs de Vilna/place of mass-murder of Vilna Jews.

[סוף פֿון זײַט 6]

שלום־עליכם[29] שפּילט זיך מיט דעם וואָרט אין זײַן בוך *מאָטל פּייסע דעם חזנס*[30]. אין דער צווייטער טייל, ווען די משפּחה[31] איז שוין אין ניו־יאָרק, געפֿינט מען אַ קאַפּיטל מיטן טיטל „מיר מופֿן" :

„אין אַמעריקע איז אַ מינהג[32] – מע מופֿט. דאָס הייסט, מע פּעקלט זיך פֿון איין דירה[33] אין דער אַנדערער. פֿון איין ביזנעס אין דער אַנדערער. יעדער איינציקער מוז מופֿן. מופֿט ער נישט מיט זײַן גוטן ווילן, מאַכט מען אים, ער זאָל מופֿן. דאָס הייסט, אַז איר צאָלט נישט קיין דירה־געלט (דאָ הייסט עס „רענט"), גיט מען אָן אויף אײַך[34] און מע וואַרפֿט אײַך אַרויס. ווערט דאָס אָנגערופֿן, אַז מע האָט אײַך אַרויסגעמופֿט".

אַזוי ווי ייִדן האָבן גאָר אַ לאַנגע דערפֿאַרונג[35] אין וואַנדערן קומען אַ סך ייִדישע ווערטער אויף דעם געביט[36] פֿון העברעיִש. אַן אַרויסטרײַבונג פֿון ייִדן פֿון אַ שטאָט אָדער אַ לאַנד הייסט אויף ייִדיש **גירוש**[37] – צום בײַשפּיל גירוש־שפּאַניע (גירוש־ספֿרד[38], 1492) אָדער גירוש־מאָסקווע (1891). און ווען מען איז שוין אַרויסגעטריבן, קען מען ווערן נע־ונד[39], אָן אַ היים, אַרומוואַנדערן... און אויב מע וואַנדערט אײַן אין ארץ־ישׂראל[40] הייסט עס **עליה**[41] ; דער ווערב איז **עולה זײַן**[42] און דער מענטש וואָס טוט עס איז אַן **עולה**.

און פֿאַר וואָס ווילן אַזוי פֿיל מענטשן אַריבערפֿאָרן פֿון אָרט צו אָרט, פֿון לאַנד צו לאַנד, אויב נישט מיט אַ האָפֿענונג אַז דאָס לעבן וועט ווערן בעסער ? דאָס ווערטל זאָגט „משנה מקום משנה מזל[43]" : דער וואָס בײַט זײַן וווינאָרט בײַט זײַן מזל. פֿאַרשטייט זיך, אַז מע מיינט – צום גוטן.



29. sholem-aleykhem 30. … khazns *Motl, Fils du chantre/Motl the Cantor's Son* 31. mishpokhe famille/family 32. mineg coutume/custom 33. dire appartement/apartment 34. porte plainte contre vous/take you to court 35. expérience 36. domaine/domain 37. geyresh expulsion 38. sfard Espagne/Spain 39. navena'd errant/wanderer, homeless 40. erets-yisroel terre d'Israël/land of Israel 41. alie immigration en Israël/immigration to Israel 42. oyle … immigrer en Israël/to immigrate to Israel 43. meshane mokem meshane mazl.



[סוף פֿון זײַט 2]

אָפּגערעדט[27] פֿון דער שבתדיקער וועטשערע[28] מיט נאָך אַ זינגערײַ מיט משקה[29] פֿון דער פֿולער פֿלאַשקע...

אָבער מע האָט ניט נאָר געהוליעט[30] ביז אין ווײַסן טאָג אַרײַן[31]. עס איז אויך פֿאָרגעקומען אַן ערנסטער לערער־סעמינאַר מיט אַ טוץ[32] ייִדיש־לערערס, אָנגעפֿירט פֿון שבֿע צוקערן[33], דער מחברטע[34] פֿון צוויי באַקאַנטע לערנביכער פֿאַר ייִדיש. מיר האָבן געהערט עטלעכע רעפֿעראַטן[35] פֿון פֿאַרשיידענע ייִדיש־לערערס און זיך אויך געטיילט מיט מאַטעריאַלן פֿאַר אונדזער לערערײַ, שפּילן וועגן גראַמאַטיק און וואָקאַבולאַר, ליטעראַטור פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע, פּאָעזיע, זינגלידער און נאָך און נאָך. מיר האָבן געהאַט אַ ווילע חבֿרה[36] ייִדיש־לערערס פֿון פּאַריז, לאָנדאָן, פּעטערבורג, ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.




הלוואַי[37] זאָלן מיר אַלע זײַן ווײַטער אין קאָנטאַקט און ניט פֿאַרזאַמען זיך צוזאַמענצוקומען אַלע יאָר אויף די גרינע פֿעלדער פֿון דער ייִדיש־וואָך ! (און איבער אַ יאָר – אם־ירצה־השם[38] – אפֿשר[39] אָן ערד־ציטערנישן, הוראַגאַנען און פֿינצטערנישן !).

27. sans parler de/not to mention 28. sha'besdiker … dîner de shabbat/Sabbath dinner 29. mashke boisson alcoolisée/liquor 30. fait la fête/had fun 31. jusqu'à l'aube/until morning 32. douzaine/dozen 33. sheve Sheva Zucker 34. mekha'berte auteur (*fém.*)/author (*fem.*) 35. conférences/lectures 36. … khevre groupe sympathique/good company 37. haleva'y plaise à Dieu/let's hope 38. mi'rtseshem si Dieu le veut/God willing 39. efsher peut-être/maybe.


דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַדיאַ, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.

Yidisher Tamtam


Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com


מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס